**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף ערשטער וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט פינאנצירט דורך ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ**

***טאון אָוו לייאנס סוּער וואסער רייניגונג פלענט פארבעסערונגען וועלן מאדערניזירן אפעראציעס און פארבעסערן לאקאלע וואסער קוואליטעט***

***פארבעסערטע [וועבזייטל געעפנט] פאר ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ'***

***בילדער פון דעם לייאנס פראיעקט זענען פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף דעם ערשטן וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט פינאנצירט דורך דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act) פון 2022. באָנד געזעץ-פינאנצירטע סוּער וואסער רייניגונג פּלענט פארבעסערונגען אין די טאון אָוו לייאנס, וועין קאונטי, וועלן העלפן מאכן אפעראציעס מער פארלעסליך און באדייטנד פארבעסערן לאקאלע וואסער קוואליטעט פאר פארוויילונג אקטיוויטעטן אין דעם ראיאן. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט די עפענונג פון א נייע וועבזייטל מיט פארבעסערטע און לעבעדיגע פיטשעווקעס צו נאכפאלגן די פארשריט און אינוועסטירונגען פון דעם באָנד געזעץ אויף [environmentalbondact.ny.gov].

"דער ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ איז א געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין א דור צו פינאנצירן פראיעקטן וואס וועלן היטן אויף ריינע וואסער און אויף געזונטהייט פון ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר מאכן אינוועסטירונגען פאר דורות אין ניו יארק'ס צוקונפט און מיר טוהען פארזיכערן פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט אז זייערע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך וועלן שטענדיג האבן צוטריט צו ריינע און זיכערע וואסער."

די טאון אָוו לייאנס איז געשאנקען געווארן $804,655 אין באָנד געזעץ פינאנצירונג דורך דעם וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) פראגראם אין דעצעמבער 2023 אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס אנאנס איבער [479 מיליאן דאלאר פאר וואסער קוואליטעט פראיעקטן], אריינרעכענענדיג די ערשטע 200 מיליאן דאלאר פארטיילט דורך דעם באָנד געזעץ. די WIIA און אינטער-מוניציפאלע גרענט (Intermunicipal Grant, IMG) פראגראמען, וואס ווערן אנגעפירט דורך די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC), זענען דערמאנט געווארן אין דעם ווילער-באשטעטיגטן באָנד געזעץ צו העלפן איינשפּאנען פינאנצירונג פאר וואסער קוואליטעט און שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען.

מיט שטיצע פון דעם באַנד געזעץ טוט די טאון אַוו לייאנס אינסטאלירן א נייע אולטרא-וויאלעט רייניגונג סיסטעם ביי די פלענט. מאדערניזירונגען וועלן העלפן מאכן אפעראציעס מער פארלעסליך און באדייטנד פארבעסערן לאקאלע וואסער קוואליטעט פאר פארוויילונג אקטיוויטעטן אין דעם ראיאן, אריינרעכנענדיג די דערנעבנדע בארדזש קאנאל און קלייד ריווער. לייאנס איז דעזיגנירט אלס א שוואכערע קאמיוניטי, און דער פראיעקט העלפט פאראיויס שטופן [ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פאדערונגען אין דעם געזעץ](#) צו העלפן די וואס זענען די מערסטע באטראפן געווארן פון פארפעסטיגונג און קלימאט טויש.

די טאון'ס 4.2 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט ווערט געשטיצט מיט נאך סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען צו העלפן די טאַון נאכקומען אירע קריטישע אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. די אינוועסטירונגען רעכענען אריין 2.4 מיליאן דאלאר פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law) פארטיילט דורך די EFC און אן 1 מיליאן דאלארדיגע וואסער קוואליטעט פאבעסערונג פראגראם גרענט פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), אין צוגאב צו די WIIA גרענט דורך דעם באַנד געזעץ. דער פראיעקט איז ארויסגעלאזט געווארן אויפן וועג מיט אן 'אינדזשענירונג פלאנירונג גרענט' (Engineering Planning Grant, EPG) פון די EFC. די EPG העלפט לאקאלע רעגירונגען מיט קריטישע פלאנירונג כדי זיי זאלן קענען פאראויס שטופן פינאנציעל-אויסגערעכנטע און גוט-דעזיינטע פראיעקטן צו קאנסטרוקציע.

דער [לייאנס פראיעקט](#) איז איינס פון צענדליגע פראיעקטן וואס זענען ארויסגעהויבן געווארן אויף די נייע וועבזייטל וואס איז היינט געעפנט געווארן אויף [EnvironmentalBondAct.ny.gov](#). די וועבזייטל איז טייל פון ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו אן אפענע פראצעדור וואס באפולמעכטיגט די פובליקום צו נאכפאלגן און לערנען איבער באַנד געזעץ אינוועסטירונגען איבערן סטעיט. נייע מאטעריאלן און פיטשעווקעס אויף די וועבזייטל רעכענען אריין:

- פינאנציר מיין פראיעקט: זוכט דורך גרענט געלעגנהייטן לויט די סארט אפליקאנט און לאקאציע נוצנדיג כלים וואס קענען אליין גענוצט ווערן.
- הילפס-מיטלען פאר שטאנדהאפטיגקייט: אנדעקט באגלייטנדע סטעיט פראגראמען און אינציאטיוון וואס העלפן קאמיוניטיס זיך גרייטן פאר- און אדרעסירן שטאנדהאפטיגקייט שוועריגקייטן, אריינרעכנענדיג די נייע 'בלויע באַפערס' (Blue Buffers) און 'שטאנדהאפטיג און גרייט' (Resilient and Ready) פראגראמען וואס זענען אריינגערעכנט אין די גאווערנער'ס 'סטעיט אַוו די סטעיט' רעדע אגענדע און אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025.
- סטעיט-ברייטע מאפע: זעהט דעטאלירטע אינטעראקטיווע מאפעס צו באקומען שנעלע פאקטן איבער באַנד געזעץ-פינאנצירטע פראיעקטן.
- בארעכטיגונג כללים: טרעפט שילדערונגען פון פראיעקט בארעכטיגונג כללים און אינפארמאציע איבער וויאזוי צו אריינגעבן קאמענטארן אויף די כללים אין די צייט וואס עס איז ארויסגעלייגט פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן.
- פינאנצירונג איבערבליק: זעהט באַנד געזעץ פינאנצירונג צוטיילונגען לויט פראיעקט קאטעגאריע.
- לעצטע נייעס: לייענט אנאנסן איבער לעצטיגע דערגרייכונג און געלעגנהייטן פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן און שרייבט זיך איין צו באקומען נייעסן.
- נאך פינאנצירונג מקורות: אנדעקט אנדערע סטעיט און פעדעראלע פראגראמען וואס קענען מעגליך זיין צו באקומען פאר פאטענציאלע פראיעקטן.

דער ווילער-באשטעטיגטער 4.2 ביליאן דאלארדיגער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. קאמיוניטיס [דעזיגנירט אלס שוואכערע קאמיוניטיס](#) דורך די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע (Climate Justice Working Group) וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון באַנד געזעץ פינאנצירונג, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "די EFC פייערט מיט די טאון אָוו לייאנס און מיט אונזערע שותפים אין רעגירונג די אנהויב פון דעם קריטיישן ענווייראמענטאלע אינפראסטרוקטור פראיעקט וואס וועט מאדערניזירן די סוּער וואסער רייניגונג פלענט און זיכער מאכן אז לאקאלע וואסערן זענען זיכער און אז מען קען כאפן פיש דארט. די EFC איז שטאלץ צו העלפן די טאון ארויסשטופן דעם וויכטיגן פראיעקט אונטערוועגס דורכן אויסנוצן באַנד געזעץ געלטער מיט אנדערע סטעיט און פעדעראלע מקורות."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול גיבט פריאריטעט פאר ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור באדערפענישן, ווי אויפגעוויזן דורך די רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט אין די לעצטנס-דורגעפירטע סטעיט בודזשעטאן די אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו פארמערן און אונטעריאגן פינאנצירונג וואס ווערן ארויסגעלייגט דורך דעם היסטארישן באַנד געזעץ. די DEC איז באגייסטערט צו זעהן דעם ערשטן וואסער פראיעקט אונטערוועגס און מוטיגט ניו יארקער צו דורכקוקן די נייע וועבזייטל צו לערנען מער איבער וויאזוי די טראנספארמאטיווע פינאנצירונג וועט בענעפיטירן קאמיוניטיס און אונזער סביבה אריבער די סטעיט."

**לייאנס טאון סופערווייזאר, דזשעימס ברעידי, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז געוואלדיג וויכטיג פאר די טאון אָוו לייאנס — מיר דארפן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס. אונזער פראיעקט איז אויף די רעלסן און האלט זיך צו די בודזשעט, און מיר קוקן ארויס עס צו פארענדיגן שנעלערהייט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פארן פינאנצירן דעם וויכטיגן פראיעקט און אונז העלפן עס ארויסרוקן אונטערוועגס."

**וועין קאונטי באורד אָוו סופערווייזערס טשעירמאן, ענטאני ווערנאָ דזשוּניאר, האט געזאגט,** "וועין קאונטי איז דאנקבאר פאר די שטיצע צו פארבעסערן אפלויף וואסער רייניגונג אין די טאון אָוו לייאנס. די פארבעסערונגען זענען נויטיג פאר דזשאב וואוקס און אויסברייטערונג פון ביזנעס געלעגנהייטן."

**EPA טשיעף אָוו סטעף און הויכראנגיגע ראטגעבערין פאר גערעכטיגקייט, אליוויע גלען, האט געזאגט,** "דיביידן-העריס אדמיניסטראציע'ס אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ זעצט פאר צו זיין א ריזיגע מקור פון שטיצע פאר דאס מאדערניזירן וואסער אינפראסטרוקטור אריבער אונזער לאנד. די טאון אָוו לייאנס שטעלט אוועק א וויכטיגע ביישפיל, אונז ווייזנדיג וויאזוי פעדעראלע און ניו יארק סטעיט מיטלען קענען גענוצט ווערן צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין אונזערע קאמיוניטיס."

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארגרעסערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג [325 מיליאן דאלאר אין גרענט געלעגנהייטן](#) וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן אין יאנואר. מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו

יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אינציאטיוו האט פארמערט די EFC's WIIA גרענטס פון 25 צו 50 פראצענט פון די סך הכל בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר סוער וואסער פראיעקטן כדי צו העלפן שטיצן קלענערע קאמיוניטיס. די סטעיט בודזשעט האלט אויך אן רעקארד-הויכע פינאנצירונג פאר די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EPF) אויף 400 מיליאן דאלאר, העלפנדיג שטיצן מערערע וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראגראמען, פראיעקטן און שטודיעס. דער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור געזעץ ( Clean Water Infrastructure Act, CWIA) און די EPF, צום ביישפיל, פינאנצירן די DEC's וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט (Water Quality Improvement Project, WQIP) פראגראם וואס פינאנצירט פראיעקטן וועלכע פארבעסערן דירעקט וואסער קוואליטעט אדער די לעבעדיגע באשעפענישן און פלאנצונגען, אדער וועלכע באשיצן א מקור פון טרונקען וואסער. לעצטע יאר אליין האבן [146 מיליאן דאלאר אין WQIP גרענטס] געהאלפן פינאנצירן לאקאלע אפלויף וואסער רייניגונג מאדערניזירונגען, די רייניגונג און קאנטראלירונג פון פארפעסטיגטע אפלויף וואסער, לאנד אפקויף פראיעקטן פאר די באשיצונג פון טרונקען וואסער, זאלץ סטאָרעדזש קאנסטרוקציע, צוריקשטעלונג פון היילן און וואוינונג פלעצער פאר ים באשעפענישן. כדי צו איינשפאנען די כוח פון די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער אויסגעברייטערט די EFC's 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף https://www.efc.ny.gov/CAT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן